ב"ה

**בולעטין # 121 - וועד הכשרות**

ארגון מוקדש לתיקון מצב הכשרות

**באמצעים של בירור, חקירה ודרישה, התיעצות, הודעה, והצעה**

חודש כסלו תשס"ו לפ"ק

# אז איינער עסט קריכעדיגע ווערים ווערט זיין אייגענער זעל א ווארעם

## מספר אור החיים הקדוש (סוף פרשת שמיני)

דער הייליגער אור החיים הקדוש שרייט געוואלד!

איינער וואס ער עסט מאכלות אסורות, די הייליגקייט פון באשעפער טוט זיך אפּ און דערווייטערט זיך פון אים. עס ווערט אים פאררעכנט ווי ער וואלט געדינט עבודה זרה ר"ל.

היות, אזוי ווי אלע גלידער פון קערפער ווערן געשפייזט פון די עסנווארג וואס דער מענטש עסט, דערפאר אויב ער עסט פארבאטענע עסנווארג, ווערט זיין גאנצער קערפער אומרייניג און פארעקלט, אזוי ווי דער אור החיים הקדוש ברענגט אין פרשת שמיני (י"א, מ"ג) אויף דעם פסוק **אל תשקצו את נפשותיכם** וכו':

**איר זאלט נישט פארעקלען אייערע זעלן**. שרייבט ער אזוי:

מעגלעך, אז דער פסוק קומט מיר צו וויסן טוהן, **אז איינער עסט קריכעדיגע ווערים ווערט זיין אייגענער זעל א ווארעם. און דאס מיינט די תורה צו זאגן ולא תשקצו את נפשותיכם, אז איר זאלט נישט מאכן אייערע זעלן פאר שקץ-עקלדיג, מיט וואס? "בכל השרץ השורץ על הארץ כשתאכלו אותם", מיט די קריכעדיגע וואס קריכן אויף די ערד אויב איר וועט זיי עסן.**

**וועד הכשרות דהתאחדות הקהילות דארצות הברית וקנדה**